# דער ווייסער פלעק אויף דער וואַנט

**איך** קלער מיר אַמאָל אַזוי:

וואָס איז טעאַטער? — **דאָס אנטלויפן פון דראָונג צו סכנה, כדי זיך צו באַפרייען פון דער דראָונג.** וואָס בין איך דערמיט מכוון?

מיין זיידע האָט מיר אַמאָל דערציילט: אַמאָל, אָ, שוין אַ סך יאָרן! די ערשטע נאַכט פסח. שוין אָפּגעריכט דעם סדר, די חד־גדיאס אָפּגעזאָגט, שיר השירים שוין אויך. די באָבע ליגט מיטן קאָפּ אויפן טיש. אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט, געוואַשן, געשאָבן, געשייערט, געקאַשערט, איז זי נעבעך איינגעשלאָפן, אַפילו דעם אפיקומן נישט געגעסן. נו, בין איך אַזוי ווי אַליין אין שטוב, דו ביסט נאָך געווען אויפן דאָך. נאָר דיין טאַטע־מאַמע האָבן שוין געוואוינט אין אַן אַנדער גאַס. די איבעריקע קינדער, ווער אין אַ ישיבה, ווער ביי שווער און שוויגער. טו איך אויס די ברילן, לייג אַריין אין דער הגדה, טו אָן דאָס היטל אויף דער יאַרמולקע און גיי אַרויס אין הויף. אַ שיינע נאַכט, אַ מחיה. אַזאַ טייערע לבנה, מען זעט בחוש, אַז אויבן איז אויך יום־טוב... שפּאַציר איך מיר אַזוי אַרום אַהין, אַהער. אין מיטן דערינען בלייב איך שטיין — איך קען מיך נישט רירן פון אָרט. דאָס האַרץ קלאַפּט ווי ביי אַ גזלן. טרעף וואָס? ביי ראובן דעם בעל־עגלהס שטאַל שטייט אַ מענטש אָנגעטאָן אין תכריכים מיט אַ ווייסער מיץ אויפן קאָפּ און קוקט גלייך צו מיר. ווי אַ דונער בין איך אַריינגעפאַלן אין שטוב. איך וויל וועקן

די באָבען, איז מיר אָבער אַזאַ רחמנות, ערב יום־טוב זיך אַזוי אַנגעהאַרעוועט. וואָס טוט מען? איך הייב אָן זאָגן תהילים. פאַלט מיר אָבער איין, אַז ביינאַכט טאָר מען קיין תהילים נישט זאָגן. אגב, קען איך קיין וואָרט נישט אַרויסריידן. עפּעס האָט זיך מיר פאַרלייגט אין האַלדז, איך וועל דערשטיקט ווערן. פאַרגעס איך שוין אַלצדינג, איך נעם זי טאָרען ביים אַרבל, איך רייס זי און שריי מיט די לעצטע כוחות: לאה, לאה! נאָר די באָבע דיינע שלאָפט ווי אַ געהרגעטע. אַ חידוש אַביסל, נאָך אַזאַ פּראַצע? לויף איך אַרום איבערן שטוב און עס קומט מיר אַ רעיון: גיי שוין, שוטה, וואָס שרעקסטו זיך? היינט האָבן שדים און רוחות סיי־ווי־סיי קיין שליטה נישט, ס'איז דאָך עפּעס ליל שימורים. און קריאת־שמע לייענט מען נאָר די ערשטע פּרשה. ווער איך אַביסל רואיקער. נאָר איך קען נישט. פּאַוואָליע גיי איך צום פענצטער, פּאַמעלעכטשיק הייב איך אויף אַ פאַרהענגל ביים פענצטער, און וואָס מיינסטו? דער ווייסער מענטש קוקט אַקוראַט צו מיר אין שויב אַריין און ווינקט. וואָס טוט מען? איך וועל עס נישט איבערהאַלטן. און איך ווייס נאָך עד־היום נישט, ווי אַזוי עס איז געשען. ווי אַ משוגענער בין איך אַרויסגעלאָפן און דערלאַנגט אַ כאַפּ דעם בר־מינן פאַרן האַלדז. ערשט וואָס — גאָרנישט. אַזאַ הולטאַי, פּנחס דער ווייסער, וואָס האָט געקאַלכט דעם גאַנצן הויף שטיבער אויף יום־טוב, האָט אַ שמיר געטאָן מיטן פענדזל איבער דער גאַנצער לענג פון דער וואַנט. — דאָ האָט דער אַלטער געשוויגן אַ פּאָר מינוט. — אָבער גלאַטיק, מיין קינד, איז עס נישט געווען. וואָס שפּעטער איז געשען... פון דרייצן קינדער, זעקס זין און זיבן טעכטער, איז מיר געבליבן בלויז דיין מאַמע צו לאַנגע יאָר, און דאָס אויך מיט נסים...

מיט אונדז קומט פאָר דאָס אייגענע, ווען מיר גייען אין טעאַטער.

די עלעמענטן ליגן אין בוזעם פון דער וועלט און וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט, אַז אַמאָל אין אַ שאָטנפולער, געשפּענסטישער נאַכט זאָלן זיי אַרויסשפּרינגען פון זייער באַהעלטעניש, זיך אַוועקשטעלן און אונדז אַזוי אַריינשוויינן אין פּנים, אַז אַלע נערוון אונדזערע זאָלן פאַרציטערט ווערן.

מיר זיינען אַרומגעגאַרטלט מיט אומזיכערקייטן. מיליאָנען רגעס קוקן אויף אונדז, ווי די מיליאָנען אויגן פון מלאך המות.

איינציק פילן מיר אויף זיך די דראָונג פון לעבן. און אַלע וואָס אַרום אונדז פילן זי אויך. און ווילן זיך ראַטעווען. די גאַסן, וועלכע זיינען מיט שטיינער צוגעקלאַפּט צו דער ערד, ווי מיט טשוועקעס, ברעכן־דורך די קלעם, אַנטלויפן און ציען זיך ערגעץ ווייט... און אין די ווינקלען פון די גערטנער בליט אַזוי פיל מורא, אַז די ביימער רייסן זיך אַרויף, ווילן אַרויס פון זייער קאַרע. און קענען זיי עס נישט, בלייבן זיי הענגען אין דער לופטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט און בעטן ערגעץ, בעטן...

און וואָס זאָלן טאָן מענטשן? אויך בעטן? זיי טוען טאַקע אַזוי. אַלע בעטן. ווער ביחידות און ווער בציבור, ווער אין רעש און ווער אין שטילקייט. ווער אין געזאַנג און ווער אין קאַמף. אַלע, אַלע בעטן און ווילן געוויינטלעך באַפרייט זיין, ווילן געהייליקט זיין.

נאָר אויב אַמאָל גייט שוין איבער די מאָס, אויב אַמאָל ווערט דאָס געבעט גופא אַ שטיק טרויער און גליווערט אין האַלדז און ווערגט, אויב אַלע אָטעמען זיינען קעגן אונדז, אויב אין יעדן שטיק בלאַנקן שטאָל גלאַנצט דער ווילן זיך אויפצוהייבן איבער אונדזער שאַרבן, אויב יעדער פייער־פונק איז אַזוי פלינק מיט זיין בשורה וועגן נאָנטע שרפות, אויב יעדער „מענטש איז פאַרן צווייטן — אַ וואָלף“, אויב עס גייט שוין איבער די מאָס, און דאָס געבעט גופא איז אַ שטיק טרויער, ווייל מען צווייפלט אין די אייגענע הענט, וואָס שפרייטן זיך אויס צו אַ תפילה.

טאָ וואָס איז דאָן דער אויסוועג? — איין און איינציקער:

אַרויס אין דרויסן און שטעלן זיך פּנים אל פּנים מיט דער געפאַר. אַרויס פון דעם אייגענעם האַרץ, ווי פון אַ שטוב, אין וועלכער מען איז אַנטלאָפן פאַר דער דראָאונג, וואָס שווייגט פאַרעקשנט און קוקט פאַר־ביסן צו אונדז אין פענצטער... לענגער וואַרטן קאָן מען שוין נישט! אַלזאָ אַרויס צו דעם געשפּענסט און אָנגעכאַפּט דעם מת פאַרן האַלדז.

אַזוי האָט אַמאָל געטאָן מײַן זיידע, וועלכער האָט אָפּגעלעבט 96 יאָר און ביזן טויט נישט געוואוסט, אַז אין יענער פּסחדיקער נאַכט איז ער געווען דראַמאַטורג, רעזשיסער און אַקטיאָר פֿון אַן ערלעכן און דערשיטערנדיקן שוישפּיל. און אַזוי טוען מיר אַלע מיט אונדזער געשפּאַנטן נײַגיר אויף טעאַטער.

מען לעבט כּסדר אין אַנגסטן. ווערטער, האַנדלונגען, טראַכטונגען, שטרעבונגען — אַלץ איז פֿאַרזיכט, איז וואַכזאַמקייט. גערויגל הענגט אין דער לופֿטן. און מען ציטערט, טאָמער פֿאַלט עס אַראָפּ נעבן אונדז, טאָמער וועלן קומען צײַטן און עס וועט קיין עצה נישט זײַן, און די טעג וועלן ליגן ווי אין היגערפלעט, די טעג וועלן קוקן מיט גלעזערנע אויגן, און די שטערן בײַנאַכט וועלן האָבן פּנימער ווי מענטשן, וואָס פֿרעגן... מיר ציטערן פֿאַר דעם מאָמענט, ווען די מזלות ליגן אויף דער וואָגשאָל, פֿאַר דעם דעצידירנדיקן מאָמענט פֿון קאָנפֿליקט.

נאָר ווי לאַנג קען מען אַזוי לעבן אין אייביקן פּחד? עס ווערט אומדערטרעגלעך. מיר ווילן אַרויס פֿון דער קלעם.

טאָ וואָס טוט מען? מיר פֿאָדערן אַרויס דאָס לעבן. מיר שטרעקן אויס די אָרעמס און ציִען אַראָפּ אויף זיך דעם בליץ. זאָל קומען דאָס סוף־כּל־סופֿיקע. זאָל געשען וואָס עס מוז. זאָל זײַן דער רע־זולטאַט מיט זײַן גאַנצער האַרבקייט, מיט זײַן דינסטער שאַרף. לאָמיר אָנקוקן דעם פּראָדוקט פֿון טויזנטער מערקווירדיקייטן און קאָמפּלי־צירטקייטן. מיר ווילן שוין איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל זען דעם צוזאַ־מענשטויס, יאָ דעם ענדגילטיקן צוזאַמענשטויס...

און דעריבער לויפֿן מיר אין טעאַטער.

טעאַטער איז דאָס אַנטלויפֿן פֿון דראָאונג צו סכּנה, כּדי זיך צו באַפֿרייען פֿון דער דראָאונג...

די דאָזיקע פֿאָרמולע איז נאָך נישט אויפֿגענומען אין קיין שום ענציקלאָפּעדיע. אָבער דערפֿאַר טאַקע גלוסט זיך מיר זי צו האַלטן פֿאַר אַן אמת.

פֿרעגט מען מיך: — האַ? וואָס האָסטו געזאָגט? „דעריבער לויפֿן

מיר אין טעאַטער״. צי ביסטו דערמיט אויסן, אַז אויב היינט לויפט מען נישט, איז עס דערפאַר, וואָס דאָס טעאַטער לאָזט וואָס אַ מאָל מער אַרויס פון אויג דאָס אומגעהויערע, דאָס דערשיטערנדיקע, דאָס פּאַטאָלע? צי מיינסטו טאַקע, אַז דאָס, וואָס דאָס טעאַטער זעט ביי זיך אַזוי ווייניק געסט, איז עס, ווייל מען שעמט זיך מיט אים, מען מיידט אים אויס: ער האָט האָט אַ מעשה רע אָפּגעטאָן, ער האָט אַרויסגעטריבן זיין אייגענע מאַמע — די טראַגעדיע. און נאָר זעלטן נעמט ער זי אַריין צו זיך, כדי זיך אויסצופּיינערן פאַר לייטן. אָבער געוויינטלעך בלאָנקעט זי זיך אַרום ערגעץ אין דער פרעמד, צווישן הימל און ערד, אין פאַראומערט־רעגנדיקע טעג, אין זאַווערוכעדיקע נעכט, אָן אַ תקומה, אָן אַ לבוש אויף זיך, — די טראַגעדיע... צי דאָס טאַקי מיינסטו?

ענטפער איך: מיינען מיין איך עס אפשר יאָ (אויב נישט אין גאַנצן, על כל פנים אַ טייל דערפון) נאָר זאָגן עס וועל איך אַן אַנדערש מאָל...

פרעגט מען מיך ווידער: לויט דיין באַצייכענונג איז טעאַטער דער לעצטער שפּאַן אויף דעם געפערלעכן וועג פון די מזלות, און אין משך פון צוויי שעה ווילן מיר אין דער אָפּשפּיגלונג פונעם טעאַטער זען דעם אָנהייב און דעם סוף פון אונדזער ריזיקן פּלאַנעטער. איז דאָך עס נאָר געדעדט וועגן גלייכן שפּיגל, אָבער מיטן קרומען שפּיגל וואָס הערט זיך? דאָס אייגענע פּאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ סאָפאָקלעס האָט דאָך אויך געהאַט אַן אַריסטאָפאַנעס?

ענטפער איך: ערשטנס איז מיר אַלץ איינס, וואָס עס וועט זיך אַרויסווייזן ביים סוף: צי טאַקע אַ גייסט אָנגעטאָן אין תכריכים אָדער גאָר אַ ווייסער פלעק אויף דער וואַנט... אָבער געוואָר ווערן דאַרפן מיר עס, אַנכאַפּן פאַרן גאַרגל מוזן מיר עס.

און צווייטנס, ווי האָט געזאָגט מיין זיידע: „פונדעסטוועגן, מיין קינד, גלאַטיק איז עס נישט געוועזן״... אוודאי נישט. ס'איז נישט

בחינם. אמתער הומאָר לאַכט נישט אומזיסט. קאָמעדיע איז נישט דאָס איינענע, וואָס געקינצלטקייט, וואָס צייטונגס־וויץ.

די מענטשן אין סיטואַציעס פון פריילעכן מאַליער גיבן צושטייער צו דעם וועלט־געווירבל, צו דעם סוד פון לעבן נישט קיין סך ווייניקער ווי די רעטענישן פון געשפענסטישן איבסען. און די קאָמישע פאַר־שוינען פון גאָגאָל זיינען אַזוי טרויער־אָנוואַרפנדיק, אַזוי אומהיימלעך, און אַזוי נאָך און נאָך.

אָבער אַביסעלע געדולד. אויך וועגן דעם לוינט אַ שמועס צו טאָן באַזונדער.